## די בעוואוסטע יודישע שאָקאָלאַד-פאַבריק אין לאָדז „ZŁOTY RAJ"

אינהאבער: ש. האַלפּערן

מאַכט בעקאַנט דער ג' קונדשאַפט, אַז צו די קומענדיגע ימים-טובים איז פערזעהען מיט אַ רייכען אויסוואַהל פון די בעסטע שאָקאָלאַדען און קאַרמעלעז.

פערקויפס-שטעלען: Piłsudskiego 50, Zawadzka 11, Śródmiejska 7

---

BROWAR I FABRYKA KWASU WĘGLOWEGO

## SUKCESORÓW K. ANSTADTA Spółka Akcyjna

tel. 122-31

Łódź, Pomorska 34/36.

עמפפעהלט אויף יום-טוב איהרע פיינע קוואליטעטס-בירען: Jasne-wyborowe

און ביירריש, דונקעלע זיס ביער

בעמערקונג: מיר בעטען די ג' קונדשאַפט, אַז זיי זאָלען ביים איינקויף אכטונג געבן אויף אונזער פירמע! אַלע אונזערע פעסלעך ביר זענען מיט אונזער איינגעברענטע פירמע בעצייכענט

---

## וויכטיג! דאָ בעוואוסטע הוט-געשעפט „SZERLAUNS"

פיעטריקאָווער 10, טעל. 231-09 (אינה. אבראמאָוויטש)

ווייכטיג פאַר נייעס

וועלכע האָט זיך פּראָבירט דעם אַלגעמיינעם צוטרוי פון דער יוד. בעפעלקערונג אין לאָדז, מאַכט בעקאַנט דעם ג. פובליקום, אַז צום איצטיגען הערבסט און ווינטער-סעזאָן

בעזיצט זי שוין אויף לאַגער

## די נייעסטע פאַסאָנען היטען

פון פערשידענע ערשט-קלאַסיגע פירמען ווי אויך נ. ירמע: Hückel

## אויף יום-טוב א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע יודישע היטלעך

טוכענע און סאַמעטענע ווי אויך ספּאָרט- און שילער-היטלעך צו אַלע שולען.

פון די בעסטע קוואַליטעטען און צו די ביליגסטע פּרייזען. ▬ רעיעלע און סאָלידע בעהאַנדלונג! ▬ קומט און איבערצייגט אייך! הורט און ענצעל!

דאָס געשעפט איז שבת און יום-טוב געשלאָסען. ◆ געדענקט די אדרעס! בעמ.: אויף לאַגער אָריגינעלע טשעכישע בערעטען.

---

## דאַנקזאָגונג.

דערמיט דריק איך אויס אַ דאַנק דעם דראַשקע-בעזיצער

ה' הערש לייב סוכיזצקי

דראַשקע נומער 187

פאַר זיין ערליכקייט, וואָס ער האָט מיר אָפּגעגעבען די דאַמען-טאַש, וואָס כ'האָב איבערגעלאָזט אויף זיין דראַשקע, אין וועלכער ס'איז געלעגען געלד און ווערס-זאַכען.

מיט אַכטונג

ח. ראַדזאַבאָווער.

---

Mania Szwinkielsztajnówna

Michał Michałowski

ZARĘCZENI

| | |
|---|---|
| Z intencji zaręczyn brata i szwagra naszego p. Michała Michałowskiego z p. Manią Szwinkielsztajnówną składamy najserdeczniejsze życzenia<br>Wolfowstwo Wajntraub | Z okazji zaręczyn brata naszego p. Michała Michałowskiego z p. Manią Szwinkielsztajnówną życzymy wiele szczęścia i różowej przyszłości<br>Józef i Dan Michałowscy |

---

אַ האַרציגען מזל-טוב מיינע ליבע קינדער, ברידער און שוועגערין

## פאַלאַ און משה זאַנאַבענד

צו דעם געבורט פון זייער ערשט-געבוירענע

זוהנדעלע

ווינשען מיר זיי אַ גרינגע ערציהונג

חנה זאַנאַבענד און פאַמיליע

---

## רעליגיעזע טעכטער-שולע „חבצלות" Chawacalot

8 פאַמאַרסקאַ 8.

אין דער שולע „חבצלות" בעקומט אייער טאָכטער אַלגעמיינע בילדונג פון אַ פאָלקס-שולע, אין אַ שולער מאָס יודישע למודים, לויט'ן פּראָגראַם פון „בית יעקב" אונטער דער לייטונג פון דעם אגודיסטישען כלל-טוער ר' יעקב בילויער.

איינשרייבונגען צום נייעם שול-יאָהר ווערען אָנגענומען אין דער שול-קאַנצעלאַריע פאַמאַרסקאַ 8 פון 10 ביז 2 נאָכמיטאָג. מעסיגע פּרייזען!

די פרעבעל-שולע איז טעטיג פון 15-טען אָקטאָבער ד. י.

---

## קרן קימת לישראל בלודז.

שמיני-עצרת אין דערפריה ביים דאַווענען וועלען געהאַלטען ווערן רעדעס וועגען

## גאולת דבנין ארץ-ישראל

אין פאָלגענדע בתי-תפלה:

„בקור-חולים", פל. וואָלנאָשצי 10 — ד"ר ח. בערלאַס

ביה"כ של יאַרומשינסקי, פּאָמאַרסקאַ 48 — מ. סאַראַ

„נר-תמיד", פּילסודסקיעגאָ 50 — י. זאַכאַריאַש

ביה"כ דפלוצק „ 29 — ב. דאַמבעס

„ ברחוב נרוטאָוויטש 43 — ש. ליכטענבערג

„ צאַנשטאַדטאַ 5 — מ. ש. מאַלבע

„ זגערסקאַ 84 — ישעיהו זעלקאָוויטש

„ זגערסקאַ 43 — מ. ראָזענבערג.

---

## אַכטונג, הויז-בעזיצער!

ווען איהר רעמאָנטירט אייערע הייזער אָדער וואָהנונגען, געדענקט, אַז דאָס אַלטע פאַרבען- און כעמיקאַליען-געשעפט א.ס.

## „ל. ה. בערגער"

ראָדז, דרעווּנאָווסקאַ 5, טעל. 133-39

איז ווידער געעפענט און וועט די קונדשאַפט צופרידען שטעלען. בעמערקונג צעמענט אויף לאַגער.

---

## אייער פערזענליכער אינטערעס

נאָר צו קויפען די וויינען

מיט דער מאַרקע

## „באַרוויך"

נאָוואָמיעיסקאַ 30,

טעל. 210-58.

וועלכע גאַראַנטירט אייך גענוס און צופרידענהייט פאַר ביליג געלד.

---

עֶרשטקלאַסיגער

הערען-שניידער אַטעליער

## Bracia GRANAS

36 זגערזשער גאַס 36

איז הויף, 2-טער איינגאַנג 2-טער שטאָק.

נעמט אָן אַלערהאַנט בעשטעלונגען ווי: ווינטער - פּאַלטענס, פעלצען, אַנצוגען סמאָקינגען א.אז.וו. לויט די נייעסטע פּאַריזער מאָדעלען. פון אייגענע און אויך אָנפערטרויטע סחורה. צוגענגליכע פּרייזען

---

## יין כשר

ווער עס וויל הנאה האָבען פאַר זיין געלד און אַ אמת'ן עונג שבת ויום-טוב זאָל זיך איבערצייגען, אַז נאָר ביי דער פירמע

## „פּראָגרעס"

אייגענטימער זלמן גוטער. בעקומט מען גוטע

ראָדזיבעץ-וויין און מעהד

אויך אַלע אַנדערע סאָרטען וויין און מעהד צו ביליגע פּרייזען.

וויין און מעהד-פאַבריק

פירמע „פּראָגרעס"

אייגענטימער: זלמן גוטער.

הויפּט-פערקויף: אַלטער מאַרק 2 אין פאַבריק.

ענגראָס-פערקויף: אַלטער מאַרק 2 אויפ'ן הויף.

גרינער-מאַרק 6 אין ווייַנגעשעפט הערצבערג (פריהער פולווערמאַכער).

---

## אויף יום-טוב

עמפפעהלט זיך דאָס לאַנג-בעקאַנטע

## וויין-געשעפט פון

## ע. שיקער

פריהער פולנאָצנאַ 1

איצט שרודמיעיסקאַ 3, טעל. 107-84.

מיט די בעסטע

ווייַנען, קאָניאַקען און ליקערען.

עקזיסטירט זייט 1865 יאָהר.

---

מיטן 1-טען ד.ח. האָבען מיר געלאָזט אין בעוועגונג אויף דער ליניע

## לאָדז—טשענסטאָכאָוו

אַ נייעם לוקסוס-איינגעאָרדנעטען אויטאָבוס.

וואָס געהט אָפּ פון לאָדז 7.30 אָוונט און פון טשענסטאָכאָוו 5 אַ זייגער

אָפּפאָהר פון אויטאָבוס-סטאַציע אויף וואָלטשאַנסקאַ 232/234

אינפאָרמאַציעס טעל. 221-31

Łódzka Komunikacja Samochodowa Sp. z o. o. w Łodzi.

---

פערשידענע

## פאַבריק-לאָקאַלען

אויף שעד-בויען צו פערדינגען

אויף פּאָלודניאָווא 80

צו ערפאָהרען ביים וועכטער.

---

## לעבער

ווערען אויסגעגעבען ביליג

ביי ג. נאַרדמאַן

שרודמיעיסקאַ 8

---

## געדענקט, טשענסטאָכאָווער

ביי

אַ גרויסער אויסוואַהל פון אָריגינעלע בעליצער און טאָמאַשאָווער סחורות

## אויף אַנציגער און פּאַלטענס

פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען

## מיט 30% ביליגער

קומט און איבערצייגט אייך!

## R.Szczęśliwy

לאָדז, 5 נאָוואָמיעיסקאַ 5

טעל. 156-09.

געדענקט פּראַנט II שטאָק.

## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



**שבת הגדול** : פאניע קורצער פרייטאג, איהר האט שוין געהערט מיין נייע וואהל-לידעל ?
**קורצער פרייטאג** : א לידעל ? לאמיר הערען.
**שבת הגדול** : הערט :
אפגעשפילט די חתונה
די קינדער אויסגעגעבען,,
איצט דארף מען בעטען גאָר
אויף א גוט צוזאמענלעבען.

קאפריזנער.

## א ווייב א צו להכעיס'ניצע

### שמועס צווישען יונגעלייטלעך

— זאג מיר, העניעק, ביזטו כאטש צופרידען פון דיין יונג שעהן ווייבעלע ?
— כ'ווייס אליין נישט.
— וואס הייסט ?
— גאר פשוט : זי קאן נעהען, און נעהט נישט, זי קאן צערעווען שקארפעטקעס, און צערעוועט נישט. זי קאן שטריקען און שטריקט נישט. דערפאר קאן זי נישט קאכען — און קאכט.

## נישט געדאכט

### צווישען ווייבער.

לאקאטארקע מאדאם ווירטין, כ'האב איהן טאַקע געוואלט בעטען זי זאלען עפעס געבען פאר איהנס לאַקאטארקע, וואס האט גארנישט אנגעגרייט אויף יום-טוב — נישט געדאכט זאל עס זיין.
ווירטין : גייען זי אייך צום משרת און הייסען זי זיך געבען א טשייניק וואסער.
לאקאטארקע: וואס נעמט א טשייניק וואסער ?
ווירטין : זי זאגען דאך, אז נישט געדאכט זאל עס זיין!

קאפריזנער.

## ער מעג

— פון וואנען געהסטו ?
— פון אדוואקאט.
— וואס האסטו געטון ביים אדוואקאט ?
— כ'קלאג איין לעווינען אין געריכט. ער האט מיך געבעטען צווישען מענשען בעלידיגט, ער האט מיך אנגערופען — געמיינער חזיר.
— דערפאר קלאגסטו איהם איין אין געריכט? איך זאג דיר דאך דאס איינענע צעהן מאל אין טאג ?
— וואס פערגלייכסטו זיך צו לעווינען ? דו קענסט מיך דאך פון קונדסוויז אן !...

## לאזער קינדער.

קינד (צו א בעל-הוב) : איהר ווארט אומזיסט, דער טאטעשי וועט נישט אהיים קומען.
— פארוואס וועט ער נישט א היים קומען ?
— ווייל ער איז נישט ארויסגעגאנגען.

## ער איז נישט — ער

### ווי אזוי א דזשענטעלמען כאפט א גנב.

ביי דער גארדעראבע פון א היגען טעאטער, האט מען אונטערגעהערט אזא דיאלאג :
— ענטשולדיגט, זענט איהר נישט אמאל דער העד פאטשעווקע פון זדונסקא וואלא ?
— ניין, ווי פאלט איהר דאס אויס?
— ס'איז מיר איינגעפאלען, ווען איהר האט אנגעטון דעם פאלטען, ווייל דער פאלטען איז דעם הער פאטשעווקעס פון זדונסקא וואלא און איך פון מאקע דער פאטשעווקע אליין. איצט שטעה איך און קלער, אפשר האב איך א טעות, אפשר זענט איהר — איך!

## קאליקעס נעבעך !...

היינטיגע פאר-פעלקער זענען אייביג טויב : פאר דער חתונה, אז דער חתן רעדט וועגען געלד — הערט זי נישט. נאך דער חתונה, אז דאס ווייב רעדט וועגען געלד — הערט ער נישט.

קאפריזנער.

## אוי, דאס קושען !

ווייב : האסט געלעזען מאקס, אין דער צייטונג שטייט, אז איינער האט א קוש-געגעבען א מיידעל, האט ער בעקומען דערפאר 4 וואכען צו זיצען.
מאן : אויך מיר א נייעס, איך האב פאר א קוש בעקומען לעבענסלענגליכע תפיסה.
ווייב: סטייטש ?
מאן: געדענקסט, איך האב דיר — נישט היינט געדאכט — א קוש-געטון, איז ארויסגעקומען דערפון א. מיר האבען חתונה געהאט.

## צווישען קינדער

— זאג נאר, מירעלע צו וואס זיצען עפעס יודען אין דער סוכה ?
— ווייסט נישט נאָטקעלע, צוליב דעם מען זאל זיי ארייננעבען צו עסען.

קנאפזארגער

## דער חול-המועדניק

מחותן (צום פראווינצער חתן) : וויפיל איינענטליך פערדינסט דו א יאהר ?
חתן : צעהן טויזענד זלאָטעס.
מחותן : זעהר שיין, אזוי פיל גיב איך טאקע נדן מיין טאכטער.
חתן : דאס האב איך שוין צוגערעכענט.

## א מאסען עמיגראציע

אין א היגען טעאטער, האט דער עולם אין מיטען דער פארשטעלונג אנגעהויבען צו געהן פליטה פון טעאטער אז דאס ארויסגעהן האט אנגענומען א מאַסען-כאראקטער. האט איינער פון דער גאלעריע א געשריי געטון :
— יודען, צוערשט דארף מען ראטעווען די פרויען און קינדער.

## אוי, די וויאשניעניעס"!...

דער סוחר נאגעלוויצע איז גערופען געווארען אין ארזשאנר סקארבאָווי צום נאטשעלניק, צו געבען א „וויאשניעניע". קומענדיג צו דער טיר, זאגט צו איהם דער וואזשני :
— פאניע, דער נאטשעלניק איז נישטא.
— אויב אזוי, וועל איך קומען א צווייט מאָל... אפשר קענט איהר מיר זאגען, ווען דער נאטשעלניק וועט ווידער נישט זיין ?...

## ליידער איז עס אזוי !

פאטער (צום 10-יאהריגען זוהן) : באלעק, דו ווילסט זיך נישט לערנען, וואס וועט ווערן פון דיר? א טרעגער וועסט דו זיין !
זוהן : און אז כ'וועל ענדיגען יודי, אדער מעדיצין. מא וואס וועל איך ווערען ? — א לערנ-גייער!...

## פייטעל און טרייטעל



**פייטעל** : כ'האב נעכטען געזעהען צו דיר ארייגעהן דעם קאמארניק אין זיין נייעם גענעראל־סקע מונדיר. וואס האט ער ביי דיר צוגענומען ?
**טרייטעל** : א שעה צייט...

## דער לאדזער חתן-בחור

### צו זיין פראווינצער כלה

— ...איך זאג דיר, שיינדעלע, אז מיין ליבע צו דיר, שטייגט איבער אלע ליבעס, וואס האבען זיך ווען אמאל בעוויזען אויפן לאדזשער ליבעס-מארק...

# שמחת-תורה-אנאנסען

ס'ווערט געזוכט א שותף
### צו א בית שני
אפערטען צום „קונדס"

### מכל הנערים

אין אונזער פארטיי קען מען קריגען מינדעריעהריגע יונגלעך אויף עליות „מכל הנערים", אנצופיהרען מיט דער וואהל-אקציע צו דער קהלה.
דער „קונדס".

### מיר געבען הקפות.

פער קאסע און אויף וועקסעלעך. פראווינצער קענען זיך שוין מעלדען. אפערטען צום „קונדס" פאר „עוזר דלים".

### וויכטיג פאר עקספארטערן !

אונזער פירמע שיקט ארויס וואגאנענווייזע
### אפגעקלאפטע הושענות
זיך צו ווענדען צו דער לאדזשער האנדעלס-קאמער.

### א זעלטענע געלעגענהייט

צו פערקויפען אויף שמחת-תורה א גרויסען טראנספארט

### אפגענוצטע פעהנער

אינפארמאציעס ערטיילט די האנדווערקער-צענטראלע.

### איך לערן אוים

אין פערלויף פון איין טאג מאכען א ברכה איבער אנ'עליה.

ל. בערמאן.

---

# דער קונדס

הומאר • סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 231
מיטוואך, דעם 7 אקטאבער 1936

## לכבוד סוכות

# מ'בענשט „גשם"



## די ווייבער פאלגען דעם חזן...

נייער פאלקסבלאט

# דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט



מיטוואך, 7 אקטאבער

כ"א תשרי תרצז

וון-אויפגאנג 6.50

וון-אונטערגאנג 4.55



קיין ארץ-ישראל

גרופענרייזן און אינדיווידועל. ביליגע פרייזן. גוטע בעדינגונגען. פינקטליכע בעהאנדלונג.

14-טעגיגער אויספלוג קיין וויען

אבפאהר יעדען טאג. 135 זל.

אויסלענדישע הנחה-און קורצייט-פעסער. פארשטעהערשאפט פון „אינטוריסט" אויספלוגען און רייזעס קיין רוסלאנד. ברענגען קרובים פון רוסלאנד קיין פוילען

אינפארמאציעס ערטיילט

דאס יודישע רייזע-ביורא

Union Lloyd

Piotrkowska 42, tel. 107-87.

פארשטעהערשאפט פון „אינטוריסט"

נעמט אן דאס איבערשיקען געלעד קיין ז.ס.ר.ר.


## יאהרגאנג 1916

הייגט, מיטוואך, דעם 7. אקטאבער דארפען זיך שטעלען די יאהרגאנג פון 1916, וואס וואוינען אויפן שטח פון 1-טען פאליציי - קאמיסאריאט מיט די אותיות:

W Z Ż Ź

7. קאמיסאריאט O P R

מארגען דאנערשטאג — 2-טער קאמיסאריאט

פון A ביז J

7. קאמיסאריאט S, Sz, T,

# בעמערקונגען וועגען דער אויסמעסטונג פון הכנסה-שטייער לויט די נייע פארשריפטען

## פון אדוו. ע. שעסקין

דער 30. סעפטעמבער איז געווען דער לעצטער טאג, אין וועלכען מ'האט געדארפט לויט'ן אויפטראג פון פינאנץ-מיניסטעריום, אדורכפיהרען די אויסמעסטונג פון הכנסה-שטייער אויפ'ן יאהר 1936

די נייע אויסמעסטונגען ווערען אדורכגעפיהרט לויט'ן נייעם געזעץ וועגען הכנסה-שטייער און ענטהאלטען א רייהע ענדערונגען אין פערגלייך מיט דער אויסמעסטונג אין די פריהערדיגע יאהרען.

וואס שייך דער סטרוקטור פון הכנסה-שטייער, איז פון 1. יאנואר 1936 אפגעשאפען געווארען דער אזוי - גערופענער ספעציעלער שטייער פון מאנטיעמעס דאס הייסט, אלע מינים בעלוינונגען, וועלכע ווערען אויסגעצאהלט פערזאנען, וואס געהערען צו פערוואלטונגען, אויפזיכטס-ראטען, קאמיטעטען א. אז. וו. ווערען נישט בעשטייערט און וועלען איינגערעכנט ווערען צו דער הכנסה פון פענסיע, עמעריטור און גדולגענער ארבייט, ד. ה. צום צווייטען טייל פון בעשטייערונג.

וואס שייך יוגען אפשרייבען אויף אמארטיזאציע, האבען פריהער רעכטליכע פערזאנען, וועלכע פיהרען ריכטיגע האנדעלס-ביכער, געקענט מיט איינמאל אינגאנצען אפשרייבען דעם ווערט פון די זאכען, וועלכע זענען געקויפט געווארען אנהויבענדיג פון 1935. אויב די געוועהנליכע צייט פון אמארטיזאציע איז נישט גרעסער ווי 5 יאהר, איצט קענען אלע צאהלער וואס פיהרען האנדעלס-ביכער (נישט נאר רעכטליכע פערזאנען, נאר אויך פיזישע) אדורכפיהרען די אמארטיזאציע אויף דעם דאזיגען אופן.

א עזהר וויכטיגע אינאוואציע איז אויך דאס צוזאמענרעכענען צום יסוד פון אויסמעסטען דעם הכנסה שטייער, וואס בעלעסטעט דעם ראש פון דער משפחה מיט די הכנסות פון דעם „ווייב אדער" מאן מיט וועלכע מ'האט חתונה-געהאט" ווי אויך פון קינדער, דערביי איז די געמיינזאמע בעשטייערונג, אויב ס'האנדעלט זיך וועגען קינדער, אפהענגיג דערפון צי דער ראש פון דער משפחה, האט דאס רעכט צו דיספאנירען מיט די דאזיגע הכנסות, דאגעגען די הכנסות פון מאן און פרוי, מוזען בעשטייערט ווערען צוזאמען, אויב דאס פאר-פאלק האט נישט קיין געריכטליכע „זלאנטשעניעס", אהן ריקזיכט דערויף צי זיי לעבען צוזאמען. אויסנאמען זענען: הכנסות פון פענסיעס, עמעריטורען און לוין פאר גדונגענע ארבייט.

וואס שייך די הויך פון שטייער גופא זעהט די באוועלע פאר דעם קריזיס-צושלאג און דעם 15 פראצענטיגען ווי אויך א געהעכערטע סטאוקע פון שטייער פאר מענער, וועלכע האבען נישט קיין פרויען און פאר פרויען, וועלכע האבען נישט קיין מענער ווען די העכערונג פון שטייער בעטרעפען נישט קיין 20 פראצענט נאר 14 פראצענט.

דערפון איז צו זעהען, אז די הויך פון עצם הכנסה שטייער וועט היי יאהר זיין גרעסער ווי אין די פריהערדיגע יאהרען און אין צוזאמענהאנג מיט די זעהר ריגאריסטישע אויסמעסטונגס-פארשריפטען, וועט דער דאזיגער שטייער היי-יאהר זיין א פיל גרעסערער לאסט פאר די צאהלער ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, דארף מען טאקע לעגען א ספעציעלען געוויכט אויף די עווענטועלע רעקורסען און די רעקורסען מוזען זיין בעגרינדעט און אויסגעארבייט פינקטליך אין הסכם מיט די פארשריפטען פון דער שטייער-ארדינאציע.


אכטונג!

נייע, שעהנע און מאדערנע

זייד און וואל-שטאפן

ווי אויך וועלוועטען און טראנספארענטען זענען

שוין דא אויף לאגער

הויפטזעכליך פערזעהענע אפטיילונגען אויף

פאלטענס, קאסטיומען און קליידער

אויך לאס-סאטענס גלאטע און געמוסטערטע אויף קאסאסען

און פערשידענע זייד-ווארען פון די פירמעס

„KLINGE i SHULTZ" i „SETALANA"

אויף זיידענע קאפאטעס

ר ליטמאן ארוויטש

